# ארץ אל תכסי דמם...

## מירל שאמעס (חייט)

על דעת העיניים שראו הכל ועמסו את הזעקות על לבי, נדרתי נדר לזכור הכל, לזכור הכל ודבר לא לשכוח מתוך מעגל האש, כשעמדו היהודים במרכז עיירת השורש שלנו, לפני עולם המרצחים...



אונדזער שטעטעלע, ווּ מיר זענען געבוירן געוואָרן, אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן; ווּ ס׳האָט זיך געוועבט אונדזער קינדהייט מיט אונדזערע ליידן און פריידן; ווּ דאָס לעבן איז געווען אַזוי נאַטירלעך, אַזוי ליבלעך נאָענט, אַזוי הייליק ריין.

אין דעם געוועזענעם נעכטן זענען יידן געשטאַנען פעלזן־פעסט אין זייער אמונה און איר באַשיצט מיט עקשנות און מסירת נפש. ביז די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן האָבן זיי זיך געקלאַמערט אין ספר, דער אייביקער קוואַל, אין בטחון און האָפנונג.

זיי, די אויסגעמאַטערטע און אויסגעהונגערטע, האָבן געשעפּט זייערע גייסטיקע כוחות פון די חדרים, ישיבות, פונעם תנ״ך און תלמוד, פון די נביאים און פון די גייסטיקע גרויסע מנהיגים פון אַלע דורות ליגנדיק אין די זעלבסט־געגראָבענע גריבער איז אַ וואָרט פון ישעיהו און פון פרץ איינגעזונקען געוואָרן צוזאַמען מיט דער נשמה.

דער בטחון איז געווען גרויס. פון די קעלערס האָט מען געזונגען:

איך גלויב אין דער זון, אַפילו ווען זי שיינט ניט.

איך גלויב אין ליבע, אַפילו ווען עס זענען ניטאָ קיין געפילן

איך גלויב אין גאָט, אַפילו ווען ער שווייגט

אין אַ שטילקייט איז געפאַלן אויף דער וועלט און עס איז קיין שפּור פון זיי ניט פאַרבליבן. דער שטן איז פאַרלאָפן זייער וועג מיט פייער און פלאַם, און די שטילקייט און איינזאַמקייט שרייט אַרויס פון אונדזער חרובער אַלטער היים.

דם ואש ותמרות עשן. ווי ס׳האָט געברענט די שטאָט, הויז נאָך הויז, גאַס נאָך גאַס, די גרויסע שול, דער בית־מדרש, די טריסקער און אָליקער שול, דער ארון־הקודש — און די רוצחים האָבן געלאַכט.

אונדזערע טייערסטע אַרומגערינגלט מיט אַ וועלט פון מערדער, ווי איינזאַם האָבן זיי געמוזט זיין אין די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן...

און דערפאַר האַסן מיר די טעג, ווען עס שטייען אַזוי בולט די שוידערלעכע בילדער פאַר אונדזערע אויגן. ביינאַכט אין אונדזערע חלומות וועקן מיר זיך אויף מיט קולות באַגאָסן מיט שווייס. ס׳בלייבט שטיין דער ביסן אין האַלדז, ווען מיר דערמאָנען זיך, ווי אַ מאַמע האָט אַ קינד געגעבן דאָס לעצטע שטיקעלע ברויט און דערביי געחלומט, אַז אפשר וועט נאָך קומען אַ טאָג, ווען ס׳וועט ליגן אַ גאַנץ לעבל ברויט אויפן טיש.

און ווען מיר טוען אויס אונדזערע בגדים, דערמאָנען מיר זיך אין דער לאַטע, און מיר זעען ווי יידיש בלוט שטראָמט אין די גאַסן פון דייטשן מעסער.

אין די זומערדיקע לאַנגע טעג זעען מיר, ווי מען פירט אונדזערע קדושים צו דער שחיטה: צו פוס און אין לאַסט־אויטאָס, אין וועגענער פירט מען זיי צו די גריבער אויפן וועג קיין קאָפּאַטשיווקע.

אַלע האָריזאָנטן זענען פאַרגאָסן מיט טרערן און זייערע לעצטע קולות זענען איינגעשלונגען אין דער לופט. מיר געדענקען!

דער גורל האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיין דער דור פון טרערן, בלוט און פייער. זאָלן די קומענדיקע דורות וויסן, אַז מיר האָבן אויך געפלאַסטערט אַ וועג פאַר אונדזער און זייער פרייהייט; אַז מיר האָבן צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק, וואָס איז געבליבן פונעם פייער, צוגעלייגט אַ האַנט און מיטגעהאָלפן אויפשטעלן די אַלט־נייע היים — ישראל.